**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 2023/23/10 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פארלענגערט עקזעקוטיווע באפעל וואס דעקלארירט א מצב פון עמערדזשענסי פאר שוץ-זוכער קריזיס**

***א קאָפּיע פון די עקזעקטיוו באפעל קען מען געפונען [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פארלענגערט אן עקזעקיוטיוו ארדער וואס גיבט פאר די סטעיט מער בויגזאמקייט צו קענען איינקויפן די נויטיגע מיטלען פאר לאקאלע רעגירונגען צו קענען שטיצן פליטים און זיי צושטעלן הומאניטארישע הילף. די עקזעקיוטיוו ארדער קומט אין די צייט וואס גאווערנער האקול זעצט פאר צו ארבעטן צו אדרעסירן דעם פליטים קריזיס, אריינרעכנענדיג די גאווערנער'ס אנגייענדע שמועסן מיט דעם ווייסן הויז רופנדיג פאר פעדעראלע שריט צו שטיצן ניו יארק.

"אין די צייט וואס ניו יארק זעצט פאר זיך צו אפרופן צו דעם פליטים קריזיס, פארלענגער איך אונזער 'סטעיט אָוו עמערדזשענסי' כדי צו זיכער מאכן אז קאמיוניטיס האבן די נויטיגע מיטלען צו קענען שטיצן אונזערע אנגייענדע באמיאונגען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע בלייבט פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז סטעיט און לאקאלע בעאמטע האבן אלע שטיצע וואס זיי דארפן צו קענען אדרעסירן דעם פרעצעדענטלאזן הומאניטארישער קריזיס."

עקזעקיוטיוו ארדער 28.6 זעצט פאר צו ערלויבן פאר די סטעיט און לאקאלע רעגירונגען צו שנעלערהייט זיך אפרופן צו די אנקום פון פליטים. עס זעצט פאר צו ערלויבן פאר ניו יארק סטעיט צו מאביליזירן סאלדאטן פון די נעשענעל גאַרד וועלכע שטעלן יעצט צו לאגיסטישע און אפעראציעס הילף ביי שעלטער לאקאציעס. עס וועט אויך ערלויבן די סטעיט און לאקאליטיס צו שנעל קויפן נויטיגע סופּלייס און ריסאורסעס, אריינרעכענענדיג עסנווארג און אויסריכטונגען. די עקזעקיוטיוו ארדער איז נויטיג פאר ניו יארק סטעיט'ס אנגייענדע אפרופונג צו דעם פרעצעדענטלאזן הומאניטארישער קריזיס, און עס גיבט די מעגליכקייט פאר די סטעיט זיך צו קענען אפרופן אויף א שטערקערן פארנעם.

**__די אפרופונג צו ניו יארק'ס פליטים קריזיס__**

גאווערנער האקול האט אנגעוויזן אויף ארבעט אויטאריזאציע אלס די וועג ארויס פון דעם קריזיס, ערלויבנדיג מיגראנטן און פליטים צו פארלאזן די שטייערן-אויסגעצאלטע שעלטערס און אנהויבן לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט פונקט ווי דורות פון אימיגראנטן האבן געטוהן אין די פארגאנגענהייט. נאך חודשים פון שתדלנות פון גאווערנער האקול און א ברייטע קאאליציע פון פאליטישע, בירגערליכע און ביזנעס פירער, האט דער ווייסער הויז [אנאנסירט](#) פלענער צו שענקען צייטווייליגע באשיצטע סטאטוס פאר מענטשן וועלכע קומען אן צו די פאראייניגטע שטאטן פון ווענעזועלא אום יולי 31, 2023 און בעפאר; ניו יארק סיטי שאצט אז דאס וועט ערלויבן פאר מער פון 15,000 ווענעזועלער מענטשן צו ערהאלטן לעגאלע ארבעט סטאטוס ביז 30 טעג.

פריער דעם חודש האט די גאווערנער אנאנסירט אז די סטעיט האט געטראפן מער פון 18,000 דזשאב עפענונגען מיט כמעט 400 ארבעטסגעבער וועלכע זענען וויליג צו אויפנעמען מיגראנטן און פליטים וועלכע האבן ערהאלטן לעגאלע ארבעט סטאטוס אין די פאראייניגטע שטאטן. גאווערנער האקול זעצט פאר צו אפהאלטן דיסקוסיעס מיט דעם ווייסן הויז צו רופן אויף די פעדעראלע רעגירונג צו צושטעלן נאך איינגעשטעלטע און אזוי אויך מער פינאנצירונג צו העלפן ניו יארק דעקן די קאסטן פון דעם קריזיס.

אין צוגאב האט די גאווערנער פארמערט די צאל מאנשאפט מיטגלידער און מיטלען זיך אפצוגעבן מיט קעיס מענעדזשמענט, כדי צו העלפן מיגראנטן און פליטים אויספילן די נויטיגע פאפירן צו קענען באקומען לעגאלע ארבעט סטאטוס. דאס רעכנט אריין ארויסשיקן 250 נעשענעל גאַרד סאלדאטן מיט אן אויפגאבע צו ארבעטן פוּל-טיים אויף קעיס מענעדזשמענט סערוויסעס, טייל פון א ברייטערע מאביליזירונג פון 2,100 נעשענעל גאַרד סאלדאטן צו אדרעסירן די אנגייענדע סיטואציע. די גאווערנער האט אויך ארויסגעשיקט באדייטנדע פינאנציעלע מיטלען צו שטיצן קעיס מענעדזשמענט, אריינרעכענענדיג 20 מיליאן דאלאר פארטיילט פאר לאקאלע נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו סערוויסעס פאר פליטים און מיגראנטן; 20 מיליאן דאלאר צו העלפן די ניו יארק סיטי רעגירונג מיט א פארמערטע צאל פעלער דורך די NYC Health + שפיטעלער; 10 מיליאן דאלאר פאר מיגראנטן לעגאלע סערוויסעס.

גאווערנער האקול האט אנגעפירט א פעסטע סטעיט אפרופונג צו דעם קריזיס. אלעס צוזאמען האט די סטעיט צוגעטיילט 1.7 ביליאן דאלאר צו שטיצן פליטים און מיגראנטן, אריינרעכענענדיג פאר שעלטער, טראנספארטאציע און סאָושעל סערוויסעס; די סטעיט האט לעצטנס געשיקט 250 מיליאן דאלאר צו די סיטי פאר די צוועקן. די סטעיט האט אויך געאפפערט מערערע לאקאציעס אין סטעיט אייגנטום, צום ביישפיל די געוועזענע לינקאלן טורמע אין מאנהעטן און געביידע 197 ביי JFK לופטפעלד, צו גענוצט ווערן אלס שעלטערס; די סטעיט דעקט אויך די קאסטן פון מערערע 'הומאניטארישע עמערדזשענסי אפרופונג און פארלייכטערונג צענטערן' (Humanitarian Emergency Response and Relief Centers, HERRCs) ביי די Creedmoor פסיכיאטרישע אנשטאלט און אויף רענדעל'ס איילענד.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418